# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

392 · פרשת ואתחנן · תשפ"א


## פניני אמונים
### פערל ווערטער אויף אמן און דאווענען אין די פרשה

#### משה האט זיך פארזוימט צו דאווענען

**"וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר...; וַיִּתְעַבֵּר ה' בִּי לְמַעַנְכֶם וְלֹא שָׁמַע אֵלָי"** (ג כג; כו)

אונזערע חכמים זכרונם לברכה זאגן (דב"ר יא י) ווען הקב"ה האט געזאגט פאר משה אז עס איז אויף אים נגזר געווארן ער זאל נישט אריינגיין אין ארץ ישראל, איז עס געווען לייכט אין זיינע אויגן, ווייל ער איז געווען פארזיכערט אז וועט ער קענען גרינגערהייט מבטל זיין די גזירה דורך זיין תפילה. זאגנדיג א קל וחומר: "די אידן, האבן שוין עטליכע מאל געזינדיגט גרויסע זינד, און ווען איך האב געדאווענט אויף זיי האט הקב"ה באלד אנגענומען מיינע תפילות... איך האב דאך קיינמאל נישט געזינדיגט, איז דען נישט זיכער אז ווען איך וועל דאווענען אויף מיר וועט ער עס אננעמען. ווייל הקב"ה האט געזען אז עס איז גרינג אין די אויגן פון משה, און ער דאוונט נישט, האט ער באלד געשוואוירן מיט זיין גרויסן נאמען ער זאל נישט אריינגיין אין ארץ ישראל".

**רבי אליהו הצרפתי** א תלמיד פונעם 'אור החיים' הקדוש און פון די גדולי חכמי פאס האט געטראפן א ראיה צו דעם מדרש פון אונזער פסוק, אזוי האט משה רבינו געזאגט: ווייל איך האב געבעטן צו ה' ער זאל מבטל זיין די גזירה נאר "בָּעֵת הַהִוא", און איך בין נישט נתעורר געווארן צו דאווענען באלד ווען די גזירה איז אויף מיר נגזר געווארן, דעריבער "וַיִּתְעַבֵּר ה' בִּי לְמַעַנְכֶם וְלֹא שָׁמַע אֵלָי" - אננעמען מיין תפילה.

'קול אליהו'

#### דורך זיין תפילה האט ער זוכה געווען צו א ספעציעלע ראיה

**"עֲלֵה רֹאשׁ הַפִּסְגָּה וְשָׂא עֵינֶיךָ יָמָּה וְצָפֹנָה וְתֵימָנָה וּמִזְרָחָה וּרְאֵה בְעֵינֶיךָ כִּי לֹא תַעֲבֹר אֶת הַיַּרְדֵּן הַזֶּה"** (ג כז)

דער **'אור החיים'** הקדוש זאגט, ווייל די חכמים זכרונם לברכה זאגן (ויק"ר י ה): "תפילה עושה מחצה", דעריבער איז די תפילה פון משה אויך אנגענומען געווארן נאר האלב; ער האט געבעטן צוויי זאכן (פס' כה): "אֶעְבְּרָה נָּא וְאֶרְאֶה", און איינס איז אנגענומען געווארן: "וּרְאֵה בְעֵינֶיךָ".

וואונדערט זיך דער **'אמרי אמת'**, צו קענען זען דאס לאנד האט משה נישט געדארפט דאווענען, ווייל נאך בעפאר ער האט געבעטן: "אֶעְבְּרָה נָּא וְאֶרְאֶה" האט אים ה' געזאגט (במדבר כז יב-יג): "עֲלֵה אֶל הַר הָעֲבָרִים הַזֶּה וּרְאֵה אֶת הָאָרֶץ אֲשֶׁר נָתַתִּי לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל; וְרָאִיתָה אֹתָהּ וְנֶאֱסַפְתָּ אֶל עַמֶּיךָ"?

ענטפערט ער: כל זמן ער האט נישט געדאוונט אויף דעם, איז פאר אים צוגעזאגט געווען נאר א געוועגליכע ראיה, אזוי ווי א מענטש קוקט פון א הויכע בארג און זעט די גאנצע ארום. אבער נאכן דאווענען און זיין תפילה האט אויפגעטון מחצה, האט ער באקומען א שטערקערע ראיה, אזוי ווי די חכמים זאגן (ילק"ש ואתחנן תתכג) אז ביי די ראיה: "האט ה' אים געוויזן וואס איז ווייט ווי עס איז נאנט, וואס איז נישט אויפגעדעקט ווי עס איז יא אויפגעדעקט, און אלעס וואס ווערט אנגערופן ארץ ישראל".

'אור החיים'; 'אמרי אמת' תרצ"ב

#### 'למען לא נבוש' פון די פריערדיגע דורות

**"רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת הַדְּבָרִים אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ וּפֶן יָסוּרוּ מִלְּבָבְךָ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ; יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בְּחֹרֵב"** (ד ט-י)

פון דעם וואס די פסוקים זענען נאנט איינע צום אנדערן: "וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ - יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בְּחֹרֵב" לערנען ארויס די חכמים (קידושין ל א) אז: "כל המלמד את בן-בנו תורה, מעלה עליו [אויפן אייניקל] הכתוב כאילו קבלה מהר סיני".

**רבי פנחס הורוויץ** דער פראנקפורטער רב ערקלערט אזוי:

ווי עס איז באוואוסט און באקאנט פאר אלעמען, אונזער השגה אין תורה איז אנגעהאנגען אין אונזער נאנטקייט צום בארג סיני; דעריבער די דורות הראשונים וואס זענען געווען נענטער צו מעמד הר סיני, האבן מער משיג געווען אין די תורה. און לויט וואס די דורות דערווייטערן זיך פון מעמד הר סיני, ווערט אויך קלענער זייער השגה אין די תורה. וועגן דעם האט די תורה באפוילן אז יעדער זיידע זאל לערנען מיט זיין אייניקל תורה, כאטש דער חיוב פון זיין זון [דער טאטע פון קינד] איז גרעסער. ווייל די תורה וואס דער אייניקל לערנט פון זיין זיידע איז מער נענטער צו מעמד הר סיני, מער פון די תורה וואס ער לערנט פון זיין טאטן וואס איז געבוירן א דור שפעטער. און דאס זאגן די חכמים אויף די אייניקל וואס לערנט מיטן זיידן: "כאילו קבלה מהר סיני".

מיט דעם יסוד ערקלערט **רבי יוסף חיים זאנענפעלד** דעם נוסח ביי די ברכה 'אהבת עולם': "בעבור אבותינו שבטחו בך ותלמדם חוקי חיים... כן תחננו ותלמדנו... למען לא נבוש ולא נכלם לעולם ועד"; לכאורה וואלט מען געקענט פרעגן: איז דען די תכלית פון לימוד התורה כדי שלא נבוש, די תורה הקדושה איז דאך: "חיינו ואורך ימינו"?

נאר, לויט דעם אויבנדערמאנטן יסוד, אז ווי א דור פריער און נענטער צו קבלת התורה, איז גרעסער די השגה אין תורה, קען מען ערקלערן אז דער נוסח איז ווי א המשך אויף די בקשה "בעבור אבותינו", צו זאגן: מיר טון זיך נישט באגענוגן מיט די השגה לויט אונזער דור, נאר ווי די מדריגה פון אונזערע אבות וואס זענען נענטער געווען צו די מעמד הר סיני, ווייל נאר אזוי "לא נבוש ולא נכלם לעולם ועד" - ווען מיר וועלן זיך טרעפן מיט זיי לעתיד לבוא.

'ספר המִקְנֶה' קידושין ל א; 'חכמת חיים'

#### 'קיצור ימים' ווייל עס פעלט תפילה און אמן

**"וְשָׁמַרְתָּ אֶת חֻקָּיו וְאֶת מִצְוֹתָיו אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם אֲשֶׁר יִיטַב לְךָ וּלְבָנֶיךָ אַחֲרֶיךָ וּלְמַעַן תַּאֲרִיךְ יָמִים עַל הָאֲדָמָה אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ כָּל הַיָּמִים"** (ד מ)

די חכמים (ברכות נד ב) האבן צוגעזאגט פאר דער וואס איז מאריך ביים דאווענען אז ער וועט זוכה זיין צו אריכות ימים ושנים. לויט דעם טייטש **רבי אשר אנשיל איעסטע** דעם פסוק (תהלים קב כד): "עִנָּה בַדֶּרֶךְ כֹּחִי קִצַּר יָמָי". די חכמים זאגן דאך (שם ג ב): "המתפלל בדרך - מתפלל תפלה קצרה", קומט אויס אז ווייל: "עִנָּה בַדֶּרֶךְ כֹּחִי", האב איך נישט געקענט מאריך זיין ביים דאווענען, וועגן דעם "קִצַּר יָמָי".

אויף דעם ענין האט צוגעלייגט האדמו"ר **רבי אליעזר זאב מקרעטשניף** אז די קיצור ימים וואס קומט פאר די הולכי דרכים צוליב זייער קורצע תפילה, איז אויך צוליב דעם וואס ווען זיי וואנדערן אויף די וועג דערלייגן זיי אקעגן זייער ווילן אסאך אמן'ס, און ענטפערן אמן איז דאך אויך א גרויסע סגולה אויף אריכות ימים, אזוי ווי די חכמים זאגן קלאר (ברכות מז א): כל המאריך באמן - מאריכין לו ימיו ושנותיו".

'חידת שמשון' [פיורדא תקמ"ה] דף ח ע"ב; 'עולמו של אבא' עמ' תלז



## שׁמְרִים לַבֹּקֶר

אין ערב שבת קודש פרשת ואתחנן (יד מנחם אב) געפאלט אויס די יומא דהילולא פון הרה"ק רבי צבי הירש פון ליסקא זי"ע. דא זענען ווערטער וואס ער האט געשריבן אין זיין ספר 'שערי הישר והטוב' אויף תהלים (קל ו) איבער די מעלה פון ענטפערן אמן:

ענטפערן אמן בקול רם טוט באשיצן דעם מענטש און איז מבטל פון אים שלעכטע גזירות. דאס איז אויך מרומז אין פסוק (תהלים קל ו): "נַפְשִׁי לַה' מִשֹּׁמְרִים לַבֹּקֶר שֹׁמְרִים לַבֹּקֶר"; "נַפְשִׁי לַה'" – אויב די זעל פון דער מענטש טוט לעכצן צו ה' אים צו לויבן דורך ענטפערן אמן, "מִשֹּׁמְרִים לַבֹּקֶ"ר" – און ער וועט אכטונג געבן לענות [אמן] בקול רם, דעמאלטס וועט ער זוכה זיין צו: "שֹׁמְרִים לַבֹּקֶר" – אז זיין זעל וועט אפגעהיטן ווערן פון שלעכטע גזירות.

**ברכות השחר: אויפן קול · מיט כוונה · מיט א חברותא.**



# אוצרות אמונים

אוצרות איבער די מעלה
פון ענטפערן אמן

## 'גדול העונה אמן יותר מן המברך'
### א סעריע ערקלערונגען (א)

די באקאנטע מאמר וואס זאגט אונז די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן, איז געדאפלט געווארן און דערמאנט צוויי מאל אין גמרא; אין מסכת ברכות (נג ב) און אין מסכת נזיר (סו ב): "רבי יוסי זאגט: 'גדול העונה אמן יותר מן המברך'. האט אים רבי נהוראי געזאגט: 'השמים [א לשון פון א שבועה]! עס איז טאקע אזוי. א ראי' צו דעם, "שהרי גוליירים מתגרין במלחמה, וגבורים נוצחין"'. ד.מ.: אזוי ווי ביי א מלחמה, די איינפאכע סאלדאטן וואס זענען נישט געשאנקען געווארן מיט א זעלטענע שטארקייט הייבן אן די קריג, און די אויסדערוועלטע סאלדאטן וואס קומען שפעטער, זיי געווינען די שלאכט. אזוי איז אויך ביי די ענין פון אמן; פון דעם וואס ענטפערן אמן קומט נאך די ברכה, קען מען פארשטיין אז די מעלה פון ענטפערן אמן שטייגט איבער די מעלה פון די ברכה ('המפרש' נזיר שם ד"ה שהרי).

פארוואס האבן די חכמים צוגעגלעכנט די ברכה און די 'אמן' וואס קומט נאכדעם צו א מלחמה?

דער **מהרש"א** (נזיר שם) ערקלערט עס לויט די מאמר חז"ל (פסחים קיח א): "קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף". דאס עסן פארן מענטש וואלט געדארפט אנקומען צו אים מיט א געוואלדיגע שוועריקייט און ענגשאפט, צוליב די קללה וואס אדם הראשון איז געשאלטן געווארן (בראשית ג יז): "אֲרוּרָה הָאֲדָמָה בַּעֲבוּרֶךָ בְּעִצָּבוֹן תֹּאכֲלֶנָּה כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ". נאר אויב ער איז מקפיד צו זאגן די ברכות און ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, ווערן פון די ברכות און די אמנים גוטע אדוואקאטן וואס זענען אויף אים מלמד זכות אקעגן די מקטרגים וואס ווילן עס זאל יא מקויים ווערן די קללה פון אדם הראשון, און דורך דעם איז דער מענטש זוכה אז הקב"ה זאל אויף אים משפיע זיין פרנסה ברווח און גרינגערנהייט.

און אזוי ווערט געפירט די מלחמה אקעגן די מקטרגים; דורך די ברכה הייבט זיך די 'שלאכט' אקעגן די מקטרגים אזוי ווי די 'גוליירים' וואס הייבן אן די קריג, און דער 'אמן' וואס ווערט געענטפערט נאכדעם טוט עס אינגאנצן איבערוועגן לטובה, אזוי ווי די אויסדערוועלטע סאלדאטן וואס געווינען דעם שלאכט.

•

אויף די גמרא וואונדערן זיך אסאך: לכאורה דער מברך הייבט דאך אן די מצוה, און אן אים איז נישטא קיין ברכה און נישט קיין אמן. פארוואס איז דער מעלה פון אמן מער פון דער וואס זאגט די ברכה?

מיר וועלן דא ברענגען געקליבענע ערקלערונגען פון די גדולי הדורות, וואס יעדער פון זיי ערקלערט לויט זיין וועג, וואספארא מעלה איז דא אין 'אמן' וואס צוליב דעם איז עס מער חשובער פון די ברכה.

#### א. 'אמן' - באשטעטיגן און חתמ'ענען

דער רשב"א ערקלערט: דער וואס זאגט די ברכה קומט נישט פעסטשטעלן עפעס אזאך, נאר ביי די ברכה ברענגט ער ארויס אויף וואס עס גייט ארויף זיין הודאה. דאקעגן דער וואס ענטפערט 'אמן' טוט פעסטשטעלן און רופט אויס מיט א קלארקייט אז די ווערטער פונעם מברך זענען אמת. קומט אויס אז די 'אמן' טוט פעסטשטעלן די ברכה וואס דאס איז אזוי וויכטיג פאר די ברכה, און וועגן דעם איז איר חשיבות מער פון די ברכה אליין.

דער רבינו בחיי ערקלערט אז זאגן די ברכה און ענטפערן אמן איז ווי א עדות: דער מברך ביים זאגן די ברכה זאגט ער עדות אז הקב"ה איז דער מקור הברכה און דער מלך העולם, אבער ער איז נאר ווי עד אחד, און די תורה זאגט דאך (שופטים יז ו): "עַל פִּי שְׁנֵי עֵדִים... יָקוּם דָּבָר". אבער ווען דער וואס ענטפערט אמן שטעלט זיך צו זיין עדות, האבן מיר דא צוויי עדים. אזוי ווי די עדות פונעם ערשטן ווערט מקויים דורך דער עדות פונעם צווייטן וואס האט זיך צוגעשטעלט צו אים, אזוי אויך דער וואס ענטפערט אמן איז מקיים דעם עדות פונעם ערשטן - דער מברך, און וועגן דעם איז זיין מעלה גרעסער פון דער מברך (רבינו בחיי שמות יד לא).

דער 'כלי יקר' טוט צוגלעכן די ברכה צו שרייבן א שטר, און די 'אמן' ווי די חתימה אויף דעם; דער וואס שרייבט א שטר-מתנה פאר זיין חבר מיט דעם ברענגט ער ארויס זיין ווילן צו געבן א מתנה, אבער אויב ער וועט נישט חתמ'ענען אויפן שטר וועט פון זיין ווילן גארנישט זיין. אויך דא, אזוי ווי די חתימה טוט מקיים זיין און באשטעטיגן וואס שטייט אין שטר, אזוי אויך ענטפערן אמן טוט באשטעטיגן די ווערטער פון דער מברך, און וועגן דעם "גדול העונה אמן יותר מן המברך" (שו"ת הרשב"א ח"ה סי' נג; 'עוללות אפרים' ח"ג מאמר תס).

#### ב. 'אמן' - ענדיגן און פארענדיגן

דער רא"ש זאגט: די חכמים זאגן (סוטה יג ב):"כל העושה דבר ולא גמרו, ובא אחר וגמרו, מעלה עליו הכתוב על שגמרו כאילו עשאו". לויט דעם קען מען זאגן אז דער מברך איז טאקע דער מתחיל במצוה, אבער דער וואס ענטפערט - ענדיגט עס צו. און ווייל די מצוה ווערט אנגערופן על שם גומרה, דעריבער: "גדול העונה אמן יותר מן המברך" (תוספות הרא"ש ברכות שם).

#### ג. 'אמן' - עבודה שבלב

דער 'מאירי' ערקלערט: די חכמים רופן אן (תענית ב א) תפילה "עבודה שהיא בלב", ווייל עס פעלט אויס צו דעם כוונה. געוויינליך דער וואס הערט זיך צו קען זיך מער קאנצענטרירן אין די ווערטער וואס ווערן געזאגט אין זיינע אויערן כדי ער זאל האבן כוונה, מער פון דער וואס זאגט ארויס די ווערטער מיט זיין מויל. וועגן דעם, די מעלה פון דער וואס הערט זיך צו צו א ברכה און ענטפערט אמן איז געוויינליך מער פון דער וואס זאגט אליין די ברכה ('בית הבחירה למאירי' נזיר שם).

#### ד. 'אמן' - משלים זיין די שם

נאך זענען דא וואס ערקלערן אזוי די מעלה פון ענטפערן אמן, די חכמים לערנען ארויס (פסחים נ א) פון א פסוק אז מ'מעג נישט ארויסזאגן דעם שם הוי"ה, אזוי ווי עס שטייט, נאר מ'דארף עס זאגן ווי עס וואלט געווען געשריבן מיט די אותיות: א.ד.נ.י' (פסחים נ א). און זיי ערקלערן אזוי:

דער וואס זאגט די ברכה דערמאנט נישט אין זיין ברכה נאר די שם א.ד.נ.י., אבער ביים ענטפערן אמן קומט אויך צו דער שם הוי"ה, ווייל 'אמן' איז בגימטריה צ"א, אזוי ווי די גימטריה פון דער שם המיוחד אזוי ווי עס שטייט געשריבן [הוי"ה] און אזוי ווי ער ווערט אנגערופן [א.ד.נ.י], וואס צוזאמען באטרעפן זיי די צאל צ"א, קומט אויס אז 'אמן' איז משלים דעם אייבערשטנ'ס נאמען, און וועגן דעם איז דאס חשובער פון די ברכה ('הרוקח' הל' סעודה סי' של; 'בעל הטורים' דברים כז כו).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## א תפילה וואס האט אויפגערודערט פארשלאפענע סטרונעס

דער גאון המוסר ופאר המידות, דער משגיח פון כפר חסידים, הגה"צ רבי אליהו לופיאן זצ"ל, פלעגט מקדיש זיין א ערנסטע טייל פון זיינע שמועסן פאר זיינע תלמידים איבער די חשיבות און מעלה פון תפילה. צולב זיין תפקיד אלץ דער מנהל רוחני אין ישיבת כפר חסידים, האט ער מחנך געווען און אויך געפאדערט פון יעדן פון זיינע תלמידים צו וויסן די חשיבות פון תפילה בכוונה להלכה ולמעשה, ווי א מיטל וואס קען שפאלטן וועלטן און צוברעכן אלע ערליי מחיצות.

איבערהויפט האט דער משגיח שטארק גערעדט איבער די חשיבות פון א תפילה וואס ווערט ארויסגעזאגט מיט געוויין און טרערן. ער פלעגט שטענדיג צוברענגען די באקאנטע ווערטער פון בעל ספר חסידים (סי' קל): "עס איז אמאל פארהאן א מענטש וואס איז נישט ווערד דער אייבערשטער זאל אננעמען זיין תפילה, נאר ווייל ער בעט מיט א שטארקייט און די טרערן וואס ער וויינט שטענדיג; כאטש ער האט נישט קיין זכותים און מעשים טובים, נעמט אן הקב"ה זיין תפילה און טוט זיין ווילן".

ער אליין פלעגט אויך זייער אכטונג געבן אז זיין דאווענען זאל זיין ווי עס דארף צו זיין. זיינע תלמידים זענען געשטאנען געפלעפט יעדן טאג פון דאסניי ווען זיי קוקן צו צו זיין דאווענען וואס האט אויסגעזען ווי א זון וואס שמועסט זיך אויס מיט זיין פאטער, ווען ער איז אינגאנצן אפגעשיידט פון די וועלט.

צווישן די ישיבה בחורים איז באקאנט געווען די ערציילונג וואס איז פארגעקומען אין די יארן וואס די ישיבה 'כנסת חזקיהו' איז געווען אין די 'זכרון יעקב' געגנט און ער האט דארט געדינט אלס משגיח. איין טאג איז אנגעקומען אין ישיבה אינמיטן דאווענען א פראסטער דארפסמאן פון די ארטיגע איינוואוינער. ווען ער איז ארויס האבן זיי אים געפרעגט וויאזוי איז ער באצויבערט געווארן פון די ישיבה, און האט געענטפערט מיט א תמימות:

"איך האב געזען ווי אלע דאווענען, אויסער איין מענטש - א עלטערער איד וואס איז געשטאנען ביי די מזרח וואנט, נעבן די ארון הקודש, און ער איז געווען פארטיפט אין א שמועס מיט עמיצן...". דער עלטערער איד איז געווען נישט א אנדערער פון דער משגיח רבי אליהו לופיאן וואס ווען ער האט געדאוונט האט אויסגעזען ווי ער שמועסט מיט הקדוש ברוך הוא.

רבי אליהו, אזוי ווי ער איז געווען א 'נאה דורש', איז ער אויך געווען א 'נאה מקיים', און וועגן דעם האט ער זוכה געווען אז זיין תפילה איז אנגענומען געווארן. אסאך וואונדערליכע ערציילונגען האבן זיך געוואלגערט צווישן זיינע תלמידים איבער דער כח התפילה פונעם משגיח רבי אליהו וואס צוליב איר געוואלדיגע ריינקייט און לויטערקייט פלעגט זי אנגענומען ווערן לרצון פאר השי"ת.

איינס פון די סארט ערציילונגען איז געהערט געווארן פון די מויל פון דער בעל המעשה, דאס איז דער באקאנטער ראש ישיבה פון מיר, דער וואונדערליכער גאון רבי חיים שמואלעוויץ זצ"ל, אינמיטן זיינע גערירטע ווערטער ביי זיין הספד אויפן משגיח זצ"ל:

רבי חיים האט אנגעהויבן זיין הספד מיט א התנצלות זאגנדיג אז באמת אין אונזער דור איז נישטא ווער עס זאל קענען מספיד זיין רבי אליהו, און צוליב דעם האבן מיר נישט קיין פליכט דאס צו טון, ווייל אין יעדנפאלס זענען מיר נישט מסוגל אזוי צו טון, ווייל רבי אליהו איז געווען פאררעכנט אלס א צדיק יסוד עולם שוין פאר דריי דורות, און עס איז נישטא א מספיד אויף דער וועלט וואס קען אפילו אביסל שילדערן פאר אונזער דור די באגריף 'רבי אליהו'.

"מספיד זיין און פארשטעלן די אויסערגעוועונליכע פערזענליכקייט פון רבי אליהו האב איך נישט די מעגליכקייט", האט רבי חיים געזאגט גערירטערהייט, "אבער איין זאך מוז איך ענק דערציילן: פאר אכט יאר ביז איך געווען א חולה מסוכן און איך האב שוין געהאלטן פארן פארלאזן די וועלט. ווייסן ענק ווער האט מיך גערעטעוועט? צי ווייסן ענק וואספארא זאך האט צוגעברענגט מיין הצלה? די תפילות פון רבי אליהו!"

איך קען נישט אויסרעכענען פאר ענק אלע איינצעלהייטן פון די ערציילונג, אבער דאס ווייס איך קלאר אז די תפילות פון רבי אליהו האט מיך גערעטעוועט. און ווייל איך האב אים קיינמאל נישט געדאנקט אויף דעם, זעה איך פאר מיר דאס ווי א חוב צו טון יעצט אזוי, און בפרהסיא".

דער קאמעניצער משגיח רבי משה אהרן שטערן זצ"ל, פון די גרויסע מקורבים פון רבי חיים האט אויף דעם צוגעלייגט:

דערנאך וואס איך האב געהערט די הספד פון רבי חיים, וואו דארט האט ער אנטפלעקט א טפח און פארדעקט טפחיים איבער די באקאנטע כח התפילה פון דער משגיח רבי אליהו, בין איך נייגעריג געווען צו וויסן די גאנצע ערציילונג. פאר רבי חיים איז שווער געווען צו מאריך זיין און אויסרעכענען די אלע איינצעלהייטן פון די מעשה, אבער דערנאך וואס איך האב חוקר ודורש געווען פון די פאמיליע און זיינע נאנטע בין איך דערגאנגען די גאנצע וואונדערליכע ערציילונג מיט אלע זיינע איינצעלהייטן:

דאס איז געווען ווי געזאגט ארום אכט יאר בעפאר די פטירה פון דער משגיח רבי אליהו, ווען אין א העלן טאג איז פלוצלינג שטיל געווארן די שטימע פון דער ראש הישיבה רבי חיים און זיין כח הדיבור איז פון אים פארלוירן געווארן. פאר רבי חיים וואס איז געווען פון די גרויסע מרביצי תורה אין זיין דור, האט אויסגעזען די גזירה פון פארלירן זיין שטימע ווי א טויט-אורטייל. די רוחניות'דיגע לעבן פון הונדערטער און טויזנטער ישיבה בחורים זענען אנגעהאנגען געווען אין זיינע טיפע שיעורים און באקאנטע שמועסן וואס זענען געזאגט געווארן מיט א ספעציעלע זיסקייט.

רבי חיים איז זיך געגאנגען נאכפרעגן ביי די דאקטורים, און נאך א סעריע אונטערזוכנגען האבן זיי געזען אז ער האט באקומען א סטראוק אויף די שטים בענדער. וויבאלד די סארט קראנקייט איז געווען א זעלטענע אומבאקאנטע פראבלעם אין יענע יארן, און די דאקטורים האבן נישט געהאט די מינדעסטע וויסנשאפט וויאזוי עס צו היילן, זענען זיי געצווינגען געווען צו זאגן פאר רבי חיים אז זיי האבן נישט קיין היילונג'ס מיטל פאר זיין קראנקייט.

רבי חיים איז אראפגעפארן פון ירושלים צו כפר חסידים אין די באגלייטונג פון זיין פאמיליע, כדי זיך צו בעראטן מיטן משגיח רבי אליהו וואס צו טון. ווען רבי אליהו האט געהערט די ערציילונג פון דער פאמיליע מיטגליד וואס האט באגלייט דעם ראש הישיבה, האט געגעבן א טיפן קרעכץ וואס האט ארויסגעברענגט זיין מיטלייד מיט די ווייטאג פונעם ראש ישיבה, און נאכדעם האט ער זיך אנגערופן:

'איך קען נישט גלייבן אז דער ריבונו של עולם וועט נישט געבן די מעגליכקייט פאר רבי חיים סטוצ'ינער [אזוי האט מען אים אנגערופן אין די עולם הישיבות] צו זאגן נאך שיעורים. זיין פליכט האט זיך נאכנישט געענדיגט; עס זענען נאך פארהאן אזויפיל תורה און מוסר וואס דו דארפסט נאך איבערגעבן פאר די וועלט, און איך בין זיכער אז דו וועסט נאך זוכה זיין בקרוב ווייטער צו איבערגעבן'.

אין יענע געלעגנהייט האט רבי אליהו געפרעגט פון רבי חיים וואס איז זיין מאמע'ס נאמען, און האט אים געזאגט אז פון יעצט און ווייטער וועט ער דאווענען פאר אים.

רבי חיים איז צוריק צו זיין הויז אין ירושלים ווען ער פארלאזט זיך אויף די תפילות פון רבי אליהו, און טאקע אזוי, א שטיק צייט נאכדעם האט די גאנצע מיר'ער ישיבה גע'רעש'ט ווען ר' חיים איז ארויף פארלערנען אזוי ווי זיין שטייגער, און האט אנגעהויבן פארלערנען א טיפזיניגע שיעור אין די סוגיא וואס מ'האט געלערנט, ווי עס וואלט גארנישט געווען עפעס פון פריער...

פון יענעם טאג און ווייטער האט זיך רבי חיים געשטארקט און ווייל ער האט אכטונג געגעבן אויף די ווערטער פון דער משגיח אז ער דארף אויסלערנען פאר די וועלט נאך אסאך דברי תורה און מוסר, אויסער די שיעורים וואס ער געבט שטענדיג איבער און די מוסר-שמועסן וואס ער פלעגט געבן פון צייט צו צייט, האט ער אנגעהויבן איבערגעבן יעדע וואך מיט א קביעות מוסר און מחשבה שמועסן.

עטליכע טעג שפעטער איז רבי חיים צוריק צום צימער פון דער פראפעסאר וואס האט געהאט דיאגנאזירט זיין מצב. דער געלערנטער פראפעסאר האט גרונטליך אונטערזעזוכט רבי חיים'ס גארגל און אויף זיין געזוכט האט זיך אויסגעשפרייט א שאק; מ'האט אים געדארפט באיינפלוסן ער זאל גלייבן אז עס האנדלט זיך פון דעם זעלבן פאציענט וואס האט באזוכט ביי אים אין קליניק פאר א קורצע צייט.

די תפילה פונעם משגיח האט אויפגעטון און די שטים-בענדער פון רבי חיים האבן ווייטער פונקציאנירט ווי אמאל.

'המשגיח דקמניץ' עמ' 203

shay עיצובים